הכנסת אורחים לודמיר

# לודמיר

געקליבענע עובדות און געדאנקען ממשנתו פון דעם הייליגן צדיק
רבי שלמה קארלינער זי"ע

אן אייביגע קשר צום צדיק

פרשיות
עקב – ראה
תשפ"ה
גליון 15

## דער קארלינער פלאם

די לעבנסגעשיכטע און נקודות פון הייליגן צדיק
רבי שלמה קארלינער זי"ע

אין דעם לעצטן גליון האבן מיר אנגעהויבן ארומרעדן איבער די תקופה ווען מרן רביה"ק זי"ע האט אנגענומען די שבט ההנהגה און אנגעהויבן אנפירן די חצר הק' פון קארלין ממשיך צו זיין דרכו בקודש פון זיין גרויסן רבי'ן רבי אהרן הגדול מקארלין זי"ע.
מיר האבן געשריבן אז אין די ערשטע תקופה האט רביה"ק געפראוועט די חסידות אין די שטאט קארלין און אז ערשט שפעטער איז ער אריבער צו וואוינען אין די שטאט לודמיר.
צווישן די שורות האבן מיר אויך באריכט די שווערע רדיפות וועלכע רביה"ק האט געליטן פון די מתנגדים אין זיין געגענט. מיר האבן אויך באטאנט געווארן אז אויך דער בארדיטשעווער רב זי"ע, וועלכע איז געווען א רב אין יענער אומגעגענט איז אויסגעשטאנען שווערע רדיפות מצד די מתנגדים.
איידער מיר זענען ממשיך צו שילדערן די שווערע רדיפות וואסביידע צדיקים זענען אריבער וואוינענדיג אין יענער געגענט לאמיר אראפברענגען א געשיכטע וועלכע געט אראפ די שטארקע ידידות און די נאנטקייט וואס עס האט געהערשט צווישן די צוויי צדיקים און ווי אזוי ביידע האבן געהאט די זעלבע מהלך איבער יעדע זאך.
די מעשה ווערט געברענגט אין דער ספר 'שמע שלמה'.
ומעשה שהיה כך היה:
אין די שטאט פינסק, וואו דער הייליגער בארדיטשעווער רב זי"ע, האט בימים ההם געדינט ברבנות, האט געוואוינט א גרויסער למדן מיט'ן נאמען ר' שמחה.
ר' שמחה, א למדן, וועלכער האט זיך געגרויסט מיט זיין תורה, האט זיך געציילט פון די אויסגעשפראכענע מתנגדים צו די דרך החסידות. כסדר, ווען ער האט געקענט, פלעגט ער ארויסגיין קעגן די שטאטס רב, דער שפעטערדיגער בארדיטשעווער רב, מיט די טענה אז ער פירט זיך לויט די חסידים און זייער באוועגונג.
איין נאכט, נאך דעם וואס דער בארדיטשעווער רב איז שוין אריין אין בעט, האט ער געשיקט דעם גבאי ער זאל גיין רופן ר' שמחה.
אנקומנדיג צו אים אין שטוב האט דער בארדיטשעווער רב געהייסן פאר ר' שמחה ער זאל אים איבערזאגן א שטיקל ריי"ף. דער מתנגד ר' שמחה, זייענדיג א גרויסער למדן, האט גלייך אנגעהויבן איבערזאגן א שיינע שטיקל ריי"ף.
ווען ער האט געענדיגט איבערזאגן דעם שטיקל ריי"ף האט זיך דער הייליגער בארדיטשעווער רב געגעבן א רוף אן צו אים אז ער זאל וויסן אז תורה וואס מען לערנט אן א דחילו ורחימו - נישט נאר וואס עס גייט נישט ארויף למעלה נאר עס מאכט נאר קאליע.
דער מתנגד האט פארשטאנען אז ער מיינט אים און איז געווארן באליידיגט אויפ'ן רב.
ארויסגייענדיג פון דעם רב האט זיך דער איד מיישב געווען אז ער וועט אריבערפארן צו רביה"ק זי"ע און הערן וואס ער האט צוזאגן אויף אים.
די שטעט פינסק און קארלין זענען זייער נאנט און ר' שמחה האט זיך מיישב געווען אז ער גייט זיך אריבערכאפן קיין קארלין און פראבירן זיין מזל דארטן.
נישט וועלענדיג אז מען זאל אים דערקענען האט ער באשלאסן אז ער וועט אהינגיין ביי סעודה שלישית ווען עס איז טונקל אין שול און קיין איינער וועט נישט זען אז ער איז נישט דא.
גלייך מוצאי שבת האט ער זיך ארויסגעלאזט אויפ'ן וועג קיין קארלין. ער איז אנגעקומען אינמיטן די תורה. ווען ער איז אריינגעקומען האט דער רבי גלייך מרגיש געווען אז ער איז דא און זיך געגעבן א רוף אן בקול רם בבדיחותא אז מילא פורים טרונקט מען ווייל עס איז אונז געשען אזא גרויסער נס אבער שמחת תורה - פארוואס טרונקט מען? נאר ווייל ווען מען הערט די תורה פון שמחה ווערט ביטער אויפ'ן הארץ און זיך צוריקצוכאפן טרונקט מען אביסל.
דער למדן שמחה זענדיג ווי אויך דא לאכט מען פון אים איז אריבערגעפארן צום מגיד און איז נתקרב געווארן צו דער דרך החסידות.
די מעשה געט ארויס ווי אזוי די צוויי צדיקים זענען געווען אייניג אין זייער דרך און האבן געארבעט צוזאמען האנט ביי האנט אז וואס דער האט געזאגט האט דער צווייטער אנגענומען און מקיים געווען למעשה..

## צידה לדרך

### קורצע אמרות פון רביה"ק זי"ע /די קדושה פון דערמאנען א תנא

איינמאל ליל שבת קודש, נאכ'ן טיש, האט זיך רביה"ק געגעבן א רוף אן צו רבי שלום מפראבהיטש ז"ל און זיין ברודער ישראל חיים, וועלכע האבן זיך געהאדעוועט בבית רבינו, אז אויך די וואס לערנען און דאווענען און דינען הקב"ה דארפן וויסן אז אויב זיי דערוועקן נישט אין זייער הארץ צושפירן די תענוג פון שבת - וועלן זיי אויך בעולם הבא נישט זוכה זיין צושפירן די תענוג פון שבת.
אויף יענע וועלט וועט ער זיין ווי א באנק.
דאס קליינער קינד ישראל חיים האט זיך אנגערופן צו אים: פעטער ווער זאגט עס? האט זיך דער רבי אנגערופן אז ווען דו וועסט עלטער ווערן וועסטו עס אויך וויסן.
[תורת אבות]

## ווארט פון צדיקים

### איבער די ציון הק' / א קינד פאר דיר!

אמאל איז דער רבינ'ס זון הרה"ק ר' משה מלודמיר זי"ע געווען זייער געדרוקט אין געלט. נישט האבנדיג אויף די מינימאלע געברויכן און זייענדיג שולדיג 150 רובל פאר א איד איז ער ארויף צום ציון הק' און זיך דארט אויסגעוויינט דאס הארץ פאר'ן צדיק איבער זיין ענגשאפט.
"דא אויף די וועלט איז נישט דא קיין געלט". האט אים דער רבי געענטפערט.
"דא האב איך נאר קינדער. נעם דיר א קינד און גיי ארויס מיט איר אין גאס און מיט דאס געלט וואס דו וועסט באקומען וועסטו קענען באצאלן דיינע חובות".
דער צדיק ר' משה האט אנגענומען די ווערטער פון זיין גרויסן טאטן און מיט די ברכה איז ער ארויס אין גאס און דערציילט פאר די נאנטע וואס ער האט באקומען פון זיין גרויסער טאטע.
ווי ער האט שפעטער פארציילט האט ער אין די טאג 'לודמיר' נישט געטראפן קיין קונים פאר דעם.
נישט טרעפנדיג אין לודמיר איז ער אריבערגעפארן צו די שטאט אלוועסק און עס דארט פארקויפט און געקענט דורך איר באצאלן אלע זיינע חובות.
(כתבי הרה"ח ר' מאיר ברנשטיין)




על הציון של הקדוש הזה, הוא ממש כמו שעומדים לפניו בחיים חיותו.
(רבי אשר מסטאלין)

צדיקים פון די פריערדיגע דורות האבן מעיד געווען:
אז רבי שלמה בן יוטא קען מבטל זיין אלע גזירות קשות ורעות

דארפט איר א ישועה?
ווילט איר שפירן ווי איר שטייט בצילו פון א צדיק אמת כמו בחיים חיותו?

קומט קיין לודמיר צום ציון
פון קודש הקדשים
רבי שלמה קארלינער זי"ע

בזכותיה דרבי שלמה בן יוטא ענני

פאר פרטים פון דעם הכנסת אורחים אין לודמיר
רופט: 518.592.0087

# א חסיד אויף ביידע וועלטן

א דערהויבנקייט האט זיך געשפירט יענער סעודה שלישית ביי רביה"ק זי"ע.

ארום די טעג זענען געזעסן חשובע אידן און בני עליה, צווישן זיי האט זיך אויך דערקענט דער מגיד פון די שטאט ראטנע.

אינמיטן האט דער רבי אנגעהויבן רעדן איבער א איד וואס איז נפטר געווארן א שטיק צייט צוריק.

"א קביעות האט דער איד געהאט. מידי שנה בשנה פלעגט ער קומען צופארן צו מיר אויף געוויסע צייטן אין יאר. די צייטן האט ער אנגעהאלטן קביעות'דיג - אן קיין אפשטעל". האט דער צדיק זיך אנגערופן.



ער איז געקומען צום צדיק מיט אן ערליכקייט אבער קיין גרויסער צדיק איז ער נישט געווען. אלע זיינע יארן איז ער געלעגן ראשו ורובו אין מסחר, אין האנדל וואנדעל און זיך וויניג איבערגעגעבן פאר תורה און פאר מצות.

אנקומענדיג אויף יענער וועלט האט מען אים גע'פסק'נט אז היות ער האט אלע יארן געלעבט אין עולם התוהו זאל ער ווייטער בלייבן אין איר א שטיק צייט און זיך ארומדרייען נע ונד אין דער וויסטער וועלט.

א שטיק צייט האט עס אנגעהאלטן. זיין נשמה האט זיך געדרייט אין עולם התוהו נישט וויסנדיג אז זי לעבט שוין מער נישט אבער ווען עס איז אנגעקומען די צייט אין יאר ווען ער פלעגט פארן קיין לודמיר האט ער אנגעהויבן פארפירן אז ער דארף פארן קיין לודמיר צום רבי'ן.

אבער דו ביסט שוין נישט אויף די וועלט! האבן די מלאכים זיך גע'טענה'ט מיט אים.

דער איד האט זיך גע'עקשנ'ט און אין בית דין של מעלה האט מען גע'פסקנ'ט אז אזוי ווי בחיים חיותו איז ער געפארן צום רבי'ן מיט א געוואלדיגע מסירת נפש וועט מען ברענגען זיין דין צום רבי'ן און דער רבי וועט פסק'נען וואס מען זאל טון מיט אים.

"מען האט אים געברענגט צו מיר און כ'האב גע'פסק'נט זיין דין". האט זיך דער רבי געגעבן א רוף אן.

א פחד איז באפאלן דעם ציבור. קיין איינער האט זיך נישט געוואגט צופרעגן דעם רבי'ן וואס איז געווען זיין פסק איז געווען אבער דער מגיד פון ראטנע האט יא געפרעגט דעם רבי'ן וואס ער האט אים גע'פסקנ'ט.

"מיין פסק איז געווען אז ער זאל אריינגיין צו די צדיקים פון גן עדן און זיך מתוודה זיין פאר זיי איבער אלע חטאים וואס ער האט געטון מיום הוולדו און נאך דעם קען ער אריינגיין אין גן עדן".

דער רבי האט דערביי אויסגעפירט אז עס קוקט אויס ווי א קליינער שטראף אבער עס איז נישט א קליינער שטראף.

"אויב איז עס א שווערע שטראף פארוואס האט אים דער רבי גע'פסק'נט אזא שטראף?". האט דער מגיד געוואלט וויסן.

"ווייל דאס וועט אים ברענגען די שנעלסטע צו זיין תיקון. עס איז די שנעלסטע און ער וועט עס ענדיגן שנעל. עס איז בעסער ער זאל ענדיגן שנעל זיין תיקון ווי עס זאל נעמען א לאנגער צייט". האט דער רבי אויסגעפירט.

[די מעשה ווערט געברענגט אין כתבי רבי יאשע בער]

## מהנעשה והנשמע אין לודמיר

נייעס'לעך און ידיעות
איבער די אנגייענדע מצב

# טויזנטער אידן האנדלן זיך די פריש איבערגעדרוקטע ספר 'שמע שלמה' וועלכע איז ארויס לאור עולם לכבוד די הילולא קדישא

ערשטע 'מהדורה' פון דער ספר אויספארקויפט און די מכון גרייט זיך צו דרוקן א נייע 'מהודרה' - זעלטענע מעגליכקייט צוקענען איינשרייבן און מנציח זיין שמות אין דער ספר ביי די פרישע מהדורה וועלכע איז מסוגל לישועה ולפרנסה

טויזנטער אידן וועלכע זענען מקושר בחיי החיים אין דעם גרויסן צדיק און האבן השתוקקות צו בלייבן מקושר בלב ובנפש צו דער גרויסער אילן החיים פון רביה"ק זי"ע האבן די טעג זיך איינגעהאנדלט די פריש ערשינענער ספר 'שמע שלמה' וועלכע איז געווארן איבערגעדרוקט לכבוד די היי יעריגע הילולא קדישא.



דער ספר שמע שלמה

די נאכפראגע אויפ'ן פריש ערשינענע 'מהדורה' איז געווען אזוי גרויס אז אין געציילטע טעג האבן זיך געענדיגט אלע ספרים און אין די טעג מעלדט דער מכון אז מען גרייט זיך איבערצודרוקן די ספר און מאכן א פרישע מהדורה פון איר.

מער דעטאלן איבער די פרישע מהדורה וועט ערשיינען אין די קומענדיגע טעג.